שביעית (ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט די תורה באַוואָרנט גלייך ביים אָנזאָג פון מצות שביעית, כנ"ל) נאָר דאָס איז אַ „שאלת בן חכם"[38], און תוכן שאלתו איז:

לערנענדיק די הבטחות פון דעם אויבערשטן „ונתנה הארץ פרי' ואכלתם לשובע גו'" — וויל אַ „בן חכם" פאַרשטיין די פרטי ואופני הברכה: אויף וועלכן אופן וועט קומען די ברכת ה'[39] אין די יאָרן ווען „לא נזרע ולא נאסוף את תבואתנו"?

[וואָרום עס קען זיין בכמה אופנים, און ביז — דורך געבן אין די יאָרן „מן" מן השמים, אַזוי ווי אין מדבר במשך פון ארבעים שנה — און מדי יום ביומו!].

— ענטפערט מען אים, אַז די ברכה וועט זיין אין אַן אופן אַז די ערד וועט אין דער שנה הששית אַרויסגעבן אַ ריבוי תבואה, „ועשת את התבואה לשלש השנים".

ז. בפנימיות הענינים:

מען האָט שוין גערעדט כמה פעמים[40] וועגן דעם וואָס די תורה שטעלט אַן ענין בדרך שאלה ותשובה — „וכי תאמרו מה נאכל גו' וצויתי את ברכתי גו'" — אַז וויבאַלד אַז „התורה היא נצחית"[41], קומט אויס אַז די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל" איז אַ שאלה נצחיית. אויך נאָכדעם ווי מען האָט געזען די תוצאות טובות פון (דער תשובה —) „וצויתי את ברכתי גו'" ביי די פריערדיקע שמטות, קען קומען איבעראַנייעס די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל" —

ווייל שמיטה איז די עבודה פון ביטול היש, ד. ה. אַז בעצם איז דער „עובד" אַ „יש", נאָר ער איז מבטל זיין יש מצד קבלת עול מלכות שמים, און מצד זיין יש בלייבט ביי אים אַ נתינת מקום אויף אַ שאלה, קשיא — און יעדן מאָל באַזונדער דאַרף מען אים זאָגן „וצויתי את ברכתי גו'".

אָבער לפי ביאור הנ"ל, אַז דאָ רעדט זיך וועגן „שאלת בן חכם", וואָס זיינע שאלות זיינען דאָך ניט מצד היש ח"ו, נאָר, אדרבה, מצד החכמה — פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ שאלה ביי אַ „בן חכם"?

איז דער ביאור אין דעם: דער נס פון „וצויתי את ברכתי גו' בשנה הששית ועשת את התבואה לשלש השנים" איז ניט נאָר העכער פון טבע[42], נאָר ס'איז היפך הטבע לגמרי: לויט דרכי הטבע ווערט אַ שדה „שוואַכער" (מאָגערער) פון יאָר צו יאָר[43]

— ויתרה מזה — דער דרך הטבע איז איינער פון די טעמים[44] אויף שמיטת

38) להעיר מאוה"ח כאן.

39) בספורנו וכלי יקר (וראה גם מלבי"ם) כאן, ש„ואכלתם לשובע — בתוך המעים תהא בו ברכה" היא הברכה שיהי' מה לאכול בשנה השביעית, כי במעוט התבואה דשנה הששית „תהא בו ברכה (בתוך המעים)" ובמילא יהי' מה לאכול גם בשנה השביעית. אלא „וכי תאמרו מה נאכל" (שיהי' ספק אצלכם האם יהי' כן) אזי יתן ריבוי תבואה בפשטות, „ועשת את התבואה לשלש השנים".

אבל: (א) בפרש"י לא נזכר שברכה זו שייכת לשנה הששית דוקא, ובפשטות היא ברכה כללית שתהי' בכל השנים (ולא — בכדי שיהי' מה לאכול בשנה השביעית דוקא). (ב) משינוי לשון רש"י בפ' בחוקותי (כו, ה) „אוכל קמעא והוא מתברך במעיו" משמע, שכוונת רש"י בפרשתנו „אף בתוך המעים תהא בו ברכה" אינה להענין ד„אוכל קמעא כו'". וראה לקו"ש חי"ט ע' 116 הערה 14. ואכ"מ.

40) לקו"ש ח"ז ע' 172. וראה גם לקו"ש ח"א ע' 107. ועוד. ולהעיר מאו"ת (להה"מ) ריש פרשתנו.

41) תניא רפי"ז.

42) ראה בארוכה כלי יקר פרשתנו עה"פ (כה, ב) ושבתה גו'. וראה גם לקו"ש ח"ב ע' 548-9.

43) ראה כלי יקר שם (ועוד) בנוגע ל„שש שנים תזרע שדך גו'" (שם, ג).

44) מו"נ ח"ג פל"ט. ובאברבנאל פרשתנו הקשה עליו. וראה לקו"ש שם.

קרקעות „ושבתה הארץ שבת לה׳״ כדי „שתוסיף הארץ תבואתה ותתחזק בעמדה שמוטה״ —

און דוקא אין „שנה הששית״, ווען די ערד איז אין איר „שוואכסטן״ מעמד ומצב, גיט זי אַרויס תבואה „לשלש השנים״!

און וויבאַלד דאָס איז אַ נס וואָס האָט ניט קיין אחיזה כלל אין טבע — ואדרבה: ס׳איז דוקא אין אַ אופן פון היפך הטבע לגמרי — אַן ענין וואָס איז לגמרי העכער פון שכל —.

פרעגט דער בן חכם „וכי תאמרו מה נאכל״: אפילו נאָכן ענטפער פון „וצויתי את ברכתי״, בלייבט עס אַן ענין וואָס איז לגמרי העכער פון שכל.

ח. עס איז ידוע[45] אַז די „שש שנים״ און די „שנה השביעית״ זיינען כנגד די שית אלפי שנין דהוי עלמא און דעם אלף השביעי.

איז אין דעם פאַראַן די שאלה „וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית״[46]: געפינענדיק זיך „בשנה הששית״, אין דעם אלף הששי פאַר ביאת המשיח, וואָס די אַלע ענינים וגילויים פון ימות המשיח זיינען „תלוי במעשנו ועבודתנו״[47] איצטער — ווערט די שאלה „מה נאכל בשנה השביעית״: זייענדיק באלף הששי, וואָס מצד ירידת הדורות זיינען מיר „שוואַכער״ פון פריערדיקע דורות, אכשור דרא בתמי׳ — היינט ווי קענען מיר ממשיך זיין די גאולה, ברייננגען „בשנה השביעית״?

זאָגט דער אויבערשטער ומבטיח „וצויתי את ברכתי גו׳״, מען טוט די עבודה פון „שנה הששית״, די עבודה בזמן הגלות וועלכע איז מתוך מסירת נפש וביטול שלמעלה מטעם ודעת, גיט דער אויבערשטער די ברכה מלמעלה, אַז די זריעה פון שנה הששית — ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ס׳איז אַ „שדה כחושה״ כו׳ — וועט עס זיין בברכה, ובברכתו של הקב״ה, און נאָכמער — עס וועט זיין תבואה „לשלש השנים״, מ׳איז ממשיך די ענינים וגילויים פון לעתיד לבא גילוי אחר גילוי אחר גילוי — וועלכע טיילן זיך בכלל אין דריי עליות[48] — „יחיינו[49] מיומים ביום השלישי יקימנו ונחי׳ לפניו״.

(משיחות ש״פ בהר תשל״ג, תשי״ט;
ליל ב׳ פסח תשכ״ח)

---

45) ראה סנהדרין צז, סע״א. ראב״ע ורמב״ן פרשתנו (שם, ב). אברבנאל. ועוד.

46) להעיר מאוה״ת פרשתנו ריש ע׳ קפז. ובארוכה ד״ה וכי תאמרו תרע״ח.

47) תניא רפל״ז.

48) ראה המשך תרס״ו ע׳ קה. וראה ס׳ הליקוטים — דא״ח דהצ״צ מע׳ לעתיד לבא (ע׳ תרכט ואילך. וש״נ) ע״ד ג׳ התקופות: ימוה״מ, תחה״מ ואלף השביעי. ועוד.

49) הושע ו, ב. וראה אוה״ת עה״פ.